# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת נח תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 455



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### א לויב ברענגט צו ברכה

**"אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ"** (ו ט)

רש"י ערקלערט אז אנהייב דער פסוק "אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ" באציט זיך צו די קינדער פון נח וואס ווערן אויסגערעכנט אין די קומענדיגע פסוק, און די תורה האט זיך אפגעשטעלט אויף צו זאגן דער שבח פון נח, "הואיל והזכירו סיפר בשבחו, שנאמר (משלי י ז): 'זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה'". לכאורה, דער פסוק "זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה" לערנט אונז אז ווען מען דערמאנט דעם צדיק דארף מען אים **בענטשן**, איז פארוואס ברענגט עס רש"י ווי א טעם אויף דעם אז **"סיפר בשבחו"**?

ערקלערט **רבי שמואל דוד וואלקין** רב פון קהל 'בית אהרן' אין קווינס:

שבח און ברכה זענען אנגעבינדן איינס אין אנדערן, ווייל די עצם פאקט אז מען רעדט פון דער שבח פון צדיק און מען דערמאנט זיינע זכויות ברענגט עס אויף אים א ברכה. און דערציילט וואס ער האט געזען מיט זיינע אויגן אין די תקופה וואס ער האט געלערנט אין די ישיבה פון 'חפץ חיים', ווען דער ראש ישיבה רבי נפתלי טראפ איז קראנק געווארן זיין לעצטע קרענק, האט דער 'חפץ חיים' פארמערט צו דערציילן זיינע שבחים, כדי צו מעורר זיין אויף אים רחמי שמים.

'רמת שמואל'

### מכפר אויפן עובר זיין אויף א מצות עשה

**"וַיִּבֶן נֹחַ מִזְבֵּחַ לַה' וַיִּקַּח מִכֹּל הַבְּהֵמָה הַטְּהֹרָה וּמִכֹּל הָעוֹף הַטָּהוֹר וַיַּעַל עֹלֹת בַּמִּזְבֵּחַ"** (ח כ)

פארוואס האט נח מקריב געווען דווקא עולות?

טייטש **רבי יהונתן אייבשיץ**:

נח האט מבטל געווען א מצות עשה מיט דעם וואס ער האט נישט געדאווענט אויף די גזירה פון מבול, און אזוי ווי דער רמב"ן (בהשגותיו לספר המצוות מצוה ה) שרייבט אז די מצוה פון תפילה וואס מיר זענען באפוילן געווארן אויף דעם אין תורה, איז מחייב דעם מענטש זאל דאווענען אין א עת צרה. און ווייל די חכמים זאגן (יומא לו א) אז א קרבן עולה איז מכפר אויף א ביטול מצות עשה, האט נח מקריב געווען נאכן מבול א קרבן עולה.

'תפארת יהונתן'

### 'על זאת יתפלל כל חסיד'

**"אֶת קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן וְהָיְתָה לְאוֹת בְּרִית בֵּינִי וּבֵין הָאָרֶץ"** (ט יג)

פון די גמרא אין מסכת כתובות (עז ב) זעט מען אז רבי יהושע בן לוי האט זוכה געווען אריינגיין לעבעדיג אין גן עדן, ווייל ער האט באשיצט זיין דור מיט זיין צדקות, אזוי ווייט אז עס האט נישט אויסגעפעלט עס זאל זיך באווייזן א צייכן פון א קשת אין זיין לעבן.

מיט דעם טייטש **רבי פינחס הלוי הורוויץ** בעל 'הפלאה' די פסוק אין תהילים (לב ו): "עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ": די תפילה פון "כל חסיד" איז ניצול ווערן "לְעֵת מְצֹא" - "זו מיתה" (ברכות ח א). אבער צו דעם וועט זוכה זיין נאר א צדיק גמור, וואס מיט זיין צדקות וועט ער באשיצן זיין דור אז "שֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ", עס זאל נישט אויספעלן צו ווייזן א צייכן פון א קשת.

'פנים יפות'

### נח האט מקפיד געווען צו ענטפערן אמן

**"וַיְדַבֵּר אֱלֹקִים אֶל נֹחַ לֵאמֹר; צֵא מִן הַתֵּבָה"** (ח טו-טז)

**האדמו"ר רבי ישראל ממאדזשיץ** זאגט:

ווי באקאנט, האבן די חכמים באשטימט א טעגליכן סומע אויף פיר דברים שבקדושה, און האבן עס מרמז געווען אין די ווארט 'צדיק' - וואס איז ר"ת: צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים, ק' ברכות (סידור הרמ"ק שער ד סימן ג, בשם הזוהר). דער מקובל מהר"ם פאפירש ('אור הישר' עמוד העבודה ו כב) זאגט קלאר: "א מענטש ווערט נישט אנגערופן צדי"ק, ביז ער וועט משלים זיין צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים און ק' ברכות".

לויט דעם איז מסתבר צוזאגן אז נח וואס הקב"ה בכבודו ובעצמו האט אים אנגערופן 'צדיק' האט זיכער אויסגעפירט די ציפערן. אויף ענטפערן די ניינציג אמנים קען מען טרעפן א רמז פון דער לשון וואס איז פאר אים געזאגט געווארן: "צֵא מִן הַתֵּבָה": 'צא' - איז בגימטריה 'אמן', און אויב מיר וועלן צושטעלן די אות א' פון די ווארט צו די קומענדיגע ווארט - 'מן', וועט אויסקומען: 'צ' אמן'. דאס האט הקב"ה געזאגט פאר נח: "צֵא" - זיי מקפיד אויף ענטפערן 'אמן', כדי דו זאלסט זיין ראוי אנגערופן ווערן צדיק.

'דברי ישראל'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אמן – דער קשר צום בורא עולם

אויב מיר וועלן זוכן אין כל התורה כולה, וועלן מיר נישט טרעפן א מענטש מיטן טיטל 'צדיק', אויסער נח וואס אויף אים זאגט די תורה (בראשית ו ט): "נח איש צדיק תמים היה בדורותיו", און אויך הקב"ה זאגט עדות אויף דעם ווען ער האט אים געזאגט: "כי אותך ראיתי צדיק לפני בדור הזה" (ז א).

אבער אויב מיר וועלן אריינטראכטן וועלן מיר זען אז עס איז דא א קלארע, גרינגע און גרייטע וועג וואס דורך דעם קען מען צוקומען צו די טיטל 'צדיק'. דער נביא ישעיה זאגט (כו א-ב): "ביום ההוא יושר השיר הזה בארץ יהודה... פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים". די חכמים דרש'ענען (שבת קיט ב): "אל תקרי 'שמר אמנים' אלא 'שאומרים אמן', און רבינו בחיי ('כד הקמח' ערך אמונה) לערנט פון דא אז אין זכות פון מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן איז דער מענטש זוכה אנגערופן ווערן 'צדיק'.

אין סידור הרמ"ק (שער ד סי' ג) לייגט ער צו און ברענגט אין נאמען פון זוהר הקדוש אז די ציפערן פון די דברים שבקדושה זענען מרומז אין די ווארט 'צדיק' - צ' אמנים, ד' קדושות, י' קדישים. דער רמ"ק פירט דארט אויס שטארקע ווערטער "אז דער וואס טוט אזוי איז א צדיק אן קיין ספק".

אויב מיר וועלן זיך מתבונן אין דעם וועלן מיר זען אז צו קענען שטיין אין די ציפערן פון די קדושות, קדישים און ברכות פעלט נישט אויס א עקסטערע אנשטרענגונג, ווייל דער וואס דאוונט דריי תפילות מיט א מנין יעדן טאג, וועט בדרך כלל צוקומען צו די ציפערן וואס פעלן זיך אויס. די ווארט 'שומר' וואס באדייט 'ממתין ומצפה', איז צוגעפאסט צו די סומע פון די אמנים, ווייל כדי צו זאמלען ניינציג אמנים אויף ברכות, דארף דער מענטש ווארטן און ארויסקוקן אויף דעם. מען קען זאגן כמעט מיט א זיכערקייט, אז די וואס ווען זיך נישט אנשטרענגען יעדן טאג צו הערן די ברכות השחר פון עטליכע מענטשן, ווען נישט קענען צוקומען צו די סומע פון ניינציג ברכות. קומט אויס אז דער טיטל 'צדיק' איז געוואנדן אין משלים זיין ניינציג אמנים יעדן טאג, אזוי ווי רבינו בחיי שרייבט.

בדרך רמז קען מען זאגן אז אויך די סיבה פארוואס נח ווערט אנגערופן 'איש צדיק' איז געווען צוליב וואס ער האט מקפיד געווען אויף דעם ענין, ווייל די ראשי תיבות "איש צדיק" זענען צ"א, אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן' און אזוי ווי די ראשי תיבות 'צ' אמנים'.

און אויב איינער וועט זיך וואונדערן פארוואס פון די גאנצע תרי"ג מצוות איז פונקט די מצוה פון אמן אויסגעקליבן געווארן כדי צו קרוינען דער וואס איז מקיים די מצוה מיטן טיטל 'צדיק'?! מיר קענען זאגן אז דער ענטפער אויף דעם איז: דער טיטל 'צדיק' קען באנוצט ווערן אויף א מענטש וואס טוט מער ווי וואס מען פארלאנגט פון אים, ווען מיר ענטפערן אמן ווייזן מיר אז אונזער ציל ביים מקיים די מצוות איז נישט סתם צו 'יוצא זיין' ווי קנעכט, נאר אונזער ווילן איז צו לויבן דעם באשעפער בשלימות - ווי קינדער וואס ווילן די שבח פון זייער פאטער. אלס 'בני אמונים'!

מיר ווען מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, און דערמיט ווען מיר זיכער פארשטארקן אונזער אינערליכן פארבינדונג מיטן בורא עולם, און אן קיין ספק וועט דאס באאיינפלוסן און באלייכטן אונזער גאנצע התנהגות אין אונזער לעבן.

**מיטן רוף "צדיק שומר אמונים"**
**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

## מעשי אמונים

א וועבנטליכער ערציילונג אויף אמן און תפילה

# די 'חברותא' וואס האט זיך אויפגעהערט נאך איין טאג

די צייט פון אנהייב די ערשטע וועלט'ס קריג. די מלחמה ווינטן וואס דער וועלט האט קיינמאל פון פריער נישט געוואוסט האבן אנגעהויבן שטורעמען אויף דער וועלט און האבן געטון דראען אויף די פרידן פון מיליאנען מענטשן איבער דער וועלט. פאר די איינוואוינער פון ארץ ישראל וואס זענען ביז יעצט געווען אונטער די מושחת'דיגע הערשאפט פון דער אטאמאנישער אימפעריע האט די דאזיגע מלחמה געהאט א באזונדערן קריטישן באדייט. די אטאמאנישע אימפעריע וואס האט געהאלטן אין איין צופאלן און צוברעקלט ווערן, איז געווען אין א קריג מיט אסאך לענדער פון דער וועלט, און דאס האט געמיינט אז די צייכנס פון דער מלחמה האבן זיך באזונדער אנגעזען אויף די איינוואוינער פון די לאנד.

צווישן די וואס האבן געליטן ספעציעל אין יענע צייטן זענען געווען די חרד'ישע איינוואוינער פון ארץ ישראל. ביז יעצט איז זייער מאגערע פרנסה געווען באזירט אויף נדבות וואס זענען געקומען פון חוץ לארץ און זענען אריבערגעפירט געווארן דורך די 'כוללים' וואס זענען געגרינדעט געווארן פאר די מיטגלידער פון די פארשידענע קהילות אין ירושלים, יפו, צפת און טבריה.

נאטורליך, האט דער מלחמה צוגעברענגט צו באדייטנדע שטערונגען אין די באציאונגען צווישן די פארשידענע לענדער, און אויסער



אן אלטע פאסטקארטל פון קבר רבי מאיר בעל הנס און ישיבת 'אור תורה' וואס איז אויפגעשטעלט געווארן נעבן דעם

דעם וואס אין יענע טעג האבן די אייראפעאישע לענדער איבערגעלעבט די שלאכטן, וואס האבן צוגעברענגט אז די נדבות פון זייערע איינוואוינער פאר די ארימע ארץ ישראל'דיגע אידן זענען פארוויי'ניגערט געווארן, אויך די געלטער וואס זענען געשיקט געווארן פון דארט זענען אריבער שווועריקייטן אויף די וועג קיין ירושלים, און דאס האט צוגעברענגט אז אסאך פון 'כוללים' האבן נישט געקענט באצאלן די תמיכות פאר זייערע יונגעלייט.

איינס פון די מוסדות וואס איז אריינגעפאלן אין קריזיס צוליב די מצב איז געווען 'ישיבת אור תורה' אין טבריה. אין די געווענליכע צייטן האבן צענדליגער משפחות פון די ישיבה-לייט באקומען געלט פון זיי, אבער יעצט, צוליב די מאנגל אין בודזשעט, האט די ישיבה אויפגעהערט צו געבן פאר די יונגעלייט די קביעות'דיגע שטיצע, און יעצט האבן זיי געדארפט זוכן אנדערע וועגן צו ברענגען שפייז צו זייער שטוב.

איינער פון די ספעציעלע זיידענע יונגעלייט וואס האבן געלערנט אין די ישיבה איז געווען הגה"ח רבי יצחק מתתיהו לוריא זצ"ל. אין יענע יארן איז ער געווען א טאטע פאר קליינע קינדער און ווייל ער האט נישט געהאט געלט אויפן לעבן, האט ער פרובירט פארשידענע באשעפטיגונגען, אבער ער האט נישט מצליח געווען.

דער צושטאנד אין זייער הויז איז געווען זייער געפערליך, און וועגן דעם ווען אין איין טאג האט זיך צו אים געוואנדן א קרוב וועלכער האט פארמאגט א מיל אין דעם נאנטן ישוב צמח, מיט א פארשלאג, וואס האט אויסגעזעהן נישט צו די זאך, האט ר' מתתיהו מסכים געווען עס אננעמען.

די ארבעט זיינע איז געווען צו פירן טאג-טעגליך א אייזל אנגעלאדנט מיט שווערע זעק ווייץ פון טבריה קיין צמח, אויסליידיגן די זעק ביי די מיל, און זיי צוריקברענגען ליידיג קיין טבריה. די שווערע ארבעט איז געווען פארבינדן מיט גיין שעה'ן אונטערן קאכעדיגן זון נעבן די אייזל וואס שלעפט די זעק, אבער ווען די באשלוס איז געווען געוואנדן צווישן הונגער און לעבן, האט ר' מתתיהו נישט געהאט קיין שאלות.

אינמיטן וועג, נאך א לאנגן מארש, האט ר' מתתיהו זיך אפגעשטעלט זיך אפרועהן. ער האט א קוק געטון אויפן אייזל וואס האט רואיג געקייט די גראז וואס איז געוואקסן אויף די זייטן פון די וועגן, און האט געטראכט פון זיין טרויעריגער לאגע: ריכטיג טאקע, אפילו יעצט פרובירט ער נישט צו פארברענגען די צייט, ביז יעצט האט ער אנגעיאגט צו חזר'ן צענדליגער פרקים משניות בעל פה אינמיטן גיין, אבער אנשטאט ער זאל דאס טון צוזאמען מיט זיין חברותא וואס מיט אים האט ער געלערנט א גאנצן טאג, איז ער יעצט געצווינגען געווען עס צו טון מיט א אנדערע סארט 'חברותא'...

טרערן האבן אנגעהויבן פליסן פון זיינע אויגן, און פון זיין מויל איז ווי פון זיך אליינ'ס ארויסגעקומען א געשריי פול מיט ווייטאג: "רבונו של עולם! וואס בעט איך? צוריקגיין זיצן אין בית המדרש, מער נישט! איך בעט נישט קיין עשירות אדער כבוד, עס איז מיר גענוג וואס עס פעלט אויס אויף מיין פרנסה, ביטע העלף מיך זיך שנעל אומקערן צו דער גמרא וואס איך האב ליב און צום בית המדרש וואו איך האב זיך באשיצט!".

זייענדיג נאך פארטיפט אין דאווענען האט ער געפילט ווי א האנט רירט אים אן זיין פלייצע. ער האט געעפנט די אויגן און געזען אן עלטערער אראבער אקעגן אים וואס האט געטראגן אויפן רוקן א שווערע זאק פול מיט 'לעדער', יא די באקאנטע זיסווארג פון די 'משמש' פרוכט, און אים אנגעטראגן צו קויפן זיין סחורה. ר' מתתיהו האט זיך אנטשולדיגט אז ער האט נאר צוויי ביליגע מטבעות, אבער דער אראבער האט אים איבערראשט ווען ער האט מסכים געווען צו פארקויפן די סחורה פאר די דאזיגע קליינע סומע, און אויב דאס איז נישט גענוג, האט ער זיך אנגעטראגן צו שלעפן די 'לעדער' ביז צו די מיל.

אנגעקומענדיג דארט, האט ר' מתתיהו געזען אז די מיל ארבעט נישט צוליב א פראבלעם אין איינע פון די מאשינען. דער בעל הבית פון דער מיל האט פארשלאסן די מיל און איז געגאנגען ברענגען א בעל מלאכה פון טבריה, און דערווייל זענען די אראבישע ווייץ-סוחרים געזיצן אויף דער ערד אונטער דער ברענענדיגן זון און געווארט.

א שעה - צוויי שעה זענען פארביי און דער בעל הבית האט זיך נאכנישט באוויזן. די הונגער האט אנגעהויבן מוטשען די סוחרים, די עסן וואס זיי האבן פארמאגט איז אויסגעגאנגען, און זיי האבן אנגעהויבן זוכן עפעס צו עסן, צו שטילן זייער הונגער. - אפשר האסטו עפעס צו עסן צו באגרואיגן אונזער הונגער? - האבן זיי געפרעגט ר' מתתיהו. "יא," האט ער זיי געענטפערט אן קווענקלען, "איך האב א גרויסע קוואנטום פון לעדער, אבער דער פרייז איז: פאר יעדע פארציע לעדער וועט איר מיר באצאלן א זאק ווייץ!".

די הונגעריגע אראבער האבן מסכים געווען צו זיין תנאי, און די זעק ווייץ זענען אריבער איינס נאכן צו ר' מתתיהו. ווען דער בעל הבית פון דער מיל איז צוריקגעקומען נאך א לאנגע צייט, האט אים ר' מתתיהו שוין געקענט זאגן, אז ער דארף מער נישט די ארבעט. מיט די געלט וואס ער האט באקומען פאר די זעק ווייץ, וואס דער פרייז איז געשטיגן אין די צייט וואס די מלחמה האט זיך געשטארקט, האט ער געקענט זיך שפייזן די קומענדיגע יאר, און זיך צוריק זעצן לערנען אזוי ווי זיין גלוסטעניש.

אפילו אסאך יארן זענען אריבער פון יענעם טאג האט ר' מתתיהו נישט אויפגעהערט צו דערציילן די מעשה פאר זיינע קינדער און קינד'ס קינדער נאכאמאל און נאכאמאל, ווען ער חזר'ט איבער אין זייערע אויערן דעם שטארקן דערהער וואס ער האט געוואלט איינבאקן אין זיי:

"אזא תורה וואס איך האב זוכה געווען צו לערנען, דוקא אין די שווערע יארן פון דער מלחמה, האב איך נישט זוכה געווען צו לערנען אין מיין לעבן. איך האב געוואוסט אז דער לימוד איז א דירעקטער רעזולטאט פון נסים, און דערפאר האב איך געהאלטן טייער יעדע מינוט. איך דערצייל אייך נישט די מעשה זיך צו בארימען, נאר כדי אייך צו לערנען ווי שטארק איז קרוב ה' לכל קוראיו, און ווען מען בעט פון אים פון טיפן הארצן, הערט ער צו און נעמט אן די תפילה".

**איבערגעגעבן דורך**
**הרה"ח ר' מרדכי וויינשטאק,**
**מיט די רשות פון מכון 'מורשת אבות'**

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# דרך אמונים

## הלכות פון ענטפערן אמן

### ענטפערן אמן נאך די ברכה הגומל

**עס איז דא וואס לערנט ארויס פון די פוסקים, מען זאל נישט ענטפערן אמן נאך 'ברכת הגומל', ווייל מען איז יוצא מיטן זאגן "מי שגמלך כל טוב הוא יגמלך כל טוב סלה" וואס באשטעטיגט און איז מקיים די ווערטער פון דער מברך אזוי ווי ענטפערן אמן. אבער למעשה פסק'ענען די אחרונים אז מען דארף ענטפערן אמן אזוי ווי אויף די אנדערע ברכות, און נאר נאכדעם זאגן דעם נוסח "מי שגמלך...", ווייל ביים ענטפערן אמן שטעלט זיך צו דער עונה צו די הודאה פון דער מברך, דאקעגן מיטן זאגן "מי שגמלך..." שענקט ער א ברכה פארן מברך אליין.**

**מקורות וביאורים:**

אין שולחן ערוך (או"ח ריט ב) שטייט אז נאך ברכת הגומל "די צוהערהער זאגן: מי שגמלך כל טוב הוא יגמלך כל טוב סלה", ענליך צו דעם שרייבט אויך דער רמב"ם (ברכות י ח). פון דעם וואס זיי דערמאנען נישט מען זאל ענטפערן פריער אמן פארן זאגן "מי שגמלך", איז מדייק דער 'שערי אפרים' (ב'פתחי שערים' שער ד סעיף ל) אז זיי האלטן אז מען דארף נישט ענטפערן אמן אויף די ברכה, ווייל מיטן זאגן "מי שגמלך" באשטעטיגט מען און מ'איז מקיים די ברכה אזוי ווי ביים ענטפערן אמן (ראה שו"ת 'התעוררות תשובה' ח"א סי' נט). אבער למעשה פסק'נט דער 'שערי אפרים' אז מען דארף ענטפערן אמן נאך ברכת הגומל, אזוי ווי דער 'אליה רבה' (קמא ו) האלט. און אזוי פסק'נט דער 'ערוך השולחן' או"ח ריט ה.

די סיבה פארוואס ביי די ברכה באגענוגט מען זיך נישט מיט ענטפערן אמן אזוי ווי ביי די אנדערע ברכות, נאר מען לייגט צו א ברכה פארן מברך, ווייל די חכמים זאגן (שבת לב א) אז פאר וועמען עס פאסירט א נס מנכין לו מזכויותיו, אזוי ווי יעקב האט געזאגט (בראשית לב יא): "קטנתי [עס זענען פארוויינִיגערט געווארן מיינע זכויות] מכל החסדים ומכל האמת אשר עשית את עבדך" (ראה רש"י שם), וועגן דעם וואונטש מען אן דעם וואס איז אים געשען א נס, אז פון הימל זאל מען אים ווייטער שענקען "כל טוב סלה", און מען זאל עפעס אראפרעכענען פון זיינע זכויות ('שלמי נדרים' בהקדמה).

נאך ערקלערט מען: אין תורה שטייט נאך די געבורט פון יהודה (בראשית כט לה): "ותהר עוד ותלד בן, ותאמר הפעם אודה את ה' על כן קראה שמו יהודה ותעמוד מלדת". שרייבט דער טור אין זיין פירוש על התורה (שם): "ווי איינער וואס געבט א דאנק פארן באשעפער וואס האט איר געגעבן אלעס, און זי האט נישט געבעטן אויף ווייטער, וועגן האט זי נישט געבוירן ווייטער". פון דא לערנען מיר אז דער וואס דאנקט על העבר דארף צולייגן א בקשה על העתיד, און ווייל ביי ברכת הגומל בעט נישט דער מברך אויפן עתיד [אזוי ווי יעדע 'ברכה קצרה'], וועגן בעטן די צוהערער: "מי שגמלך כל טוב הוא יגמלך כל טוב סלה" - אויך אויף ווייטער (שו"ת 'דברי יציב' ח"ז סי' כה. וראה שם שפירש בעוד אופנים).

### מחנך זיין די קליינע צו ענטפערן אמן

**א. א מענטש דארף אויסלערנען זיינע קליינע קינדער ענטפערן אמן, כדי זיי זאלן זיין בני העולם הבא. אבער אויב וועגן דעם ברענגט ער זיי אין שול זאל ער זיי מחנך זיין צו שטיין דארט באימה וביראה.**

**מקורות וביאורים:**

אין מסכת סנהדרין (קי ב) ברענגט די גמרא פארשידענע דעות פון ווען איז א תינוק וואס איז נפטר געווארן זוכה צו חיי העולם הבא. דער 'כלבו' (סי' יא) איז מכריע אזוי ווי די שיטה פון רבי מאיר דארטן אז דער קטן איז זוכה צו עולם הבא פון ווען ער ענטפערט אמן. וועגן דעם פסק'נט דער רמ"א (או"ח קכד ז): "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעולם הבא". אויף די ווערטער פון רמב"ם וואס שרייבט (תפילה טו ט): "בית הכנסת שכולן כהנים, כולם נושאים את כפיהם... ומי עונה אחריהם אמן, הנשים והטף", שרייבט רבינו מנוח: "פון דא איז געדרונגען אז יעדער ירא שמים דארף אויסלערנען זיין פרוי און קינדער און זיין גאנצע הויזגעזונד צו ענטפערן אמן נאך אלע ברכות". רבי אליהו הכהן מאיזמיר ('מנחת אליהו' פרק לב) האט מיט דעם געטייטש די פסוק אין מגילת אסתר (ב ז): "ויהי אֹמֵן את הדסה היא אסתר בת דדו כי אין לה אב ואם": מרדכי האט "אמן את הדסה" - איר מחנך געווען פון קליינווייז אן ענטפערן אמן, ווייל: "כי אין לה אב ואם" - וואס זאלן איר אויסלערנען, אזוי ווי דער רמ"א פסק'נט.

אין 'פסקי תשובות' (שם יג) פירט ער אויס אז דער דין פון מחנך זיין די קטנים צו ענטפערן אמן איז פון ווען דער קטן קומט אן צו די יארן פון חינוך צו ברכות, אבער אין 'עבודת דוד' (סנהדרין קיא א) איז ער מדייק פון דער לשון פון רמ"א "אז באלד ווען דער קינד ענטפערט אמן האט ער א חלק לעולם הבא", אז פון ווען דאס קינד זאגט דיווארט אמן אויך אן צו פארשטיין איר באדייט, איז ער שוין זוכה צו עולם הבא. לויט דעם זעט אויס לכאורה אז די כוונה פון דער רמ"א איז צו פסק'נען אז אויך א קטן וואס איז נאכנישט אנגעקומען צו די עלטער פון חינוך דארף מען אים אויסלערנען ענטפערן אמן גלייך ווען ער קען עס ארויסזאגן, כדי ער זאל זוכה זיין צו חיי עולם הבא. און אזוי איז אויך געדרונגען פון די פוסקים וואס זייערע ווערטער ווערן אראפגעברענגט אין די קומענדיגע הלכה.

אבער דער 'מגן אברהם' שרייבט (שם יא, הביאו המשנה ברורה שם כד) אז אויך דער וואס ברענגט זיינע קינדער כדי זיי מחנך זיין צו ענטפערן אמן "דארף זיי מחנך זיין זיי זאלן שטיין באימה וביראה, און די וואס לויפן ארום אין שול און שפילן זיך איז ענדערשט זיי נישט צו ברענגען".

**ב. מען פירט זיך מחנך זיין די קליינע קינדער צו ענטפערן אמן דורך ענטפערן אמן אויף זייערע ברכות, אויך בעפאר זיי דערגרייכן צו די יארן פון חינוך.**

**מקורות וביאורים:**

כאטש דער משנה ברורה (רטו טז) פסק'נט אז אלס די הלכה פון ענטפערן אמן אויף א ברכה זאל מען נישט ענטפערן אמן אויף א ברכה פון קטן וואס איז נאכנישט אנגעקומען צו די עלטער פון חינוך, פון דעסוועגן כדי צו מחנך זיין דעם קטן אז ער דארף ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה, פירט מען זיך צו ענטפערן אמן אויך נאך זייער קליינע קינדער. און אזוי האט זיך געפירט בעל 'קהילות יעקב' און בעל 'דברי יציב' ('ארחות רבינו' ח"ג עמ' רכג; 'דרכי הלכה' - ברכות הנהנין סי' כה).

# גדול העונה

## פון די ווערטער פון רבנים און צדיקים אויף ענטפערן אמן

### ענטפערן אמן טוט אויף א געוואלד

וואס די ברכה טוט אויף פארשטייען מיר; ביי די ברכה לויבט דער מענטש אויף די הנאה וואס השי"ת האט אים צוגעשטעלט, און אויף די טובות וואס ער האט אים געשאנקען. אבער די ענין פון ענטפערן אמן פארשטייען מיר נישט לכאורה: וואספארא נוצן איז דא אין דעם וואס דער עונה איז מסכים און באשטעטיגט די ווערטער פון דער מברך?

דער תירוץ איז פשוט: מיר ווייסן נישט ווי ווייט טוט אויף אין הימל יעדע זאך וואס מיר טון, חז"ל אנטפלעקן אונז אז אמן טוט אויף גדולות ונצורות אין די עולמות העליונים, און מיר דארפן גלייבן אין דעם.

אבער די חכמי הסוד האבן אונז ערקלערט אז די גימטריה פון די ווארט אמן איז די צוויי שמות הוי"ה און אדנ"י, און דאס איז נישט פארצופאל - אז די 'אמן' ענהאלט אין זיך דעם שם ה' ככתיבתו וכקריאתו... נאר בכוונה האבן זיי אזוי מתקן געווען, ווייל די צוויי שמות געבן א כח אויף די קיום פון די ברכה.

וועגן האבן חז"ל זייער מדקדק געווען אין די זהירות וואס פעלט אויס ביים ענטפערן אמן. לויט אונזער דרגה פארשטייען מיר נישט וואס האבן מיר שוין געטון... אבער דער אמת איז ווייל מיר האבן אין זיך א נשמה א חלק אלו-ה ממעל, וועגן דעם אלע אונזערע פעולות טוט אויף און איז משפיע אין די עולמות העליונים, גוט'ס, און אויך חלילה פארקערט, דעריבער דארפן מיר זייער אכטונג געבן אין דעם.

אמן איז 'נישט מער' ווי ארויסווייזן די אמונה אין די ברכה, אבער אין אמת'ן האט עס א געוואלדיגן כח צו מאכן תיקונים אין די עולמות העליונים. דעריבער אויב מיר געבן אכטונג אויף דעם ווי עס דארף צו זיין, קען מען נישט שאצן די שכר פון דעם - "פותחין לו שערי גן עדן". וועגן דעם אויך דער שומר 'אמנים' ווערט אנגערופן 'צדיק' ווייל ער בויעט און איז מתקן די עולמות און ברענגט אראפ גוטע השפעות אויף דער וועלט.



מָרָן הַגָּאוֹן
רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּעֲדַנִי שְׁלִיטָ"א
ראש מוסדות 'תורה וחיים'
און נשיא מועצת חכמי התורה

פון די צווייטע זייט, אויב חלילה מען איז מזלזל אין די מצוה ווערט מען געשטראפט אויף דעם אויפן שטרענגסטן אופן, ווייל מיר האבן צושטערט די תיקון וואס וואלט געדארפט געטון ווערן. און נאך א סיבה פארוואס מען איז אזוי מחמיר אין דעם, ווייל אנדערשט פון די כוונה וואס פעלט זיך אויס ביי יעדע תפילה וואס איז זייער א שווערע זאך, איז די כוונה פון 'אמן' נישט אזוי שווער, און פון די אנדערע זייט איז דער שכר געוואלדיג. וועגן דעם דארף יעדער איינער זייער אכטונג געבן אין דעם.

השי"ת זאל אונז העלפן מיר אלע זאלן זוכה זיין צוזאמען מיט גאנץ כלל ישראל צו אלע ברכות, עס זאל זיך עפענען פאר אונז די טויערן פון גן עדן און מיר זאלן זיין פון די וואס זענען זוכה צו חיי העולם הבא.

פון זיינע ווערטער ביי א כינוס 'בני אמונים', אב תשע"ו

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן – דער יסוד פון אמונה

### די מצוה פון אמן צו מחזק זיין די אמונה

רבינו בחיי שרייבט, אז די תקנה פון די חכמים ענטפערן אמן נאך די ברכות איז כדי צו מחזק זיין די אמונה אין די הארץ, ווייל ענטפערן אמן באדייט אמונה אין די ווערטער פון דער מברך. און אזוי שרייבט ער: "ווייל די אמונה איז דער יסוד פון כל התורה כולה, האבן רבותינו זכרונם לברכה מתקן געווען ביים דאווענען און ביי ברכות ענטפערן אמן, ווייל דאס איז פון דער לשון אמונה און פון דער לשון הודאה, אז ער נעמט אן די ווערטער פון דער מברך [=אמונה] און לויבט [=הודאה].

### אמן - דער עיקר אמונה

דער 'מגלה עמוקות' (פר' ואתחנן) לייגט צו און שרייבט אז 'אמן' און 'אמונה' זענען פארבינדן איינס מיטן צווייטן: דער פסוק זאגט (ישעי' כו ב): "פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שמר אמנים"; די קרי איז 'אֱמוּנִים' פון דער לשון אמונה, דאקעגן די כתיב איז 'אמנים' אן א ווא"ו, אזוי ווי אמן. אונז צו לערנען "אז דער עיקר אמונה איז אנגעהאנגען אין ענטפערן אמן". און אזוי שרייבט אויך דער 'ערוך השולחן' (או"ח קכד יא): "ובאמן תלוי עיקר האמונה ולכן ילמד בניו הקטנים שיזהרו לענות אמן".

### אמן בכל כוחו

דער מהר"ל ('נתיבות עולם' נתיב האמונה פרק א) ערקלערט, ווייל ענטפערן אמן ברענגט ארויס די אמונה פון דער מענטש, און דורך דעם קען מען אנקומען צו גרויסע מדרגות אין אמונה, דעריבער זאגן די חכמים אז דער מענטש דארף ענטפערן אמן "בכל כוחו" (שבת קיט ב). פונקט ווי דער מענטש דארף זיך אנהאלטן אין זיין אמונה מיט זיין גאנצע כח, אזוי אויך ענטפערן אמן דארף זיין "בכל כוחו". "און ווען ער ענטפערט אמן איז ער זיך מדבק אין וועמען ער גלייבט - דאס איז ה' יתברך, און דאס איז דער עצם אמונה...".

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די רעדאקציע "וכל מאמינים"

א יישר כח אויף דעם וואונדערליכן גליון וואס מידי שבת בשבתו ווערט ביי אונז מקוים דורך דעם פון דאסניי דעם וואונדערליכן לשון הזמר: "היום נכבד לבני אמונים". א באזונדערן יישר כח אויף די וואונדערליכע חיזוקים וואס ווערן דארט געברענגט תמידין כסדרן און מיר אלע זענען מיר מחזק אדאנק דעם.

מורי חמי איז געווען פון די נאנטע מענטשן פון הרה"צ רבי אליהו ראטה זצ"ל, דער באקאנטער משב"ק פון הרה"ק רבי שלמה'קע מזוויהלע זי"ע. ער איז געווען געוואוינט צו זאגן אז רבי אליהו האט שטענדיג געזאגט אז דורך ענטפערן אמן פארטרייבט מען די אלע מחלות פון שטוב, און מען ברענגט אריין א פולע האפן פון שפע ברכה והצלחה.

לעצטנ'ס איז איינגעפאלן אין מיין געדאנק א וואונדערליכן רמז אויף דעם: אין די לעצטע ברכה אין שמונה עשרה, זאגן מיר: "שים שלום טובה וברכה ורחמים עלינו". די ערשטע אותיות פון "טובה וברכה ורחמים עלינו" [ט+ו+ו+ע] זענען גימטריה 91.

מיט א תפילה צו ה' ער זאל שטענדיג שענקען נאר גוט'ס אין אלע אידישע הייזער מעתה ועד עולם.

**ש.מ.ג.**
**ירושלים**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס:
08-9746102
אדער צו די אימייל אדרעס: 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די ווערט פונעם בעל הילולא


הגרי"ל בלאך ראש ישיבת טעלז

### מהרי"ל בלאך ראש ישיבת טעלז

#### ז' חשון תר"ץ

רבי יוסף יהודה לייב בלאך איז געבוירן געווארן כ"א שבט אין יאר תר"כ צו זיין פאטער רבי מרדכי אין שטאט ראסין אין ליטע. פון זיין יוגנט האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע באזונדערע שטריכן און טאלאנטן. ווען ער האט דערגרייכט צו עול התורה והמצוות, איז ער געפארן קיין קעלעם לערנען ביי רבי אליעזר גארדאן, וואס שפעטער האט ער אים גענומען פאר א איידעם.

אין תרמ"א, ווען זיין שווער איז אויפגענומען געווארן אלס רב אין טעלז, האט ער מיטגעברענגט זיין איידעם הגרי"ל צו דינען אלס ר"מ אין דער ישיבה וואס ער האט דארט געגרינדעט. אין תרס"ב איז הגרי"ל אויפגענומען געווארן אלס רב פון ווארנא און האט דארטן אויך געגרינדעט א ישיבה.

אין יאר תר"ע, מיטן פלוצימדיגן פטירה פון רבי אליעזר בעת זיין באזוך אין לאנדאן לטובת די ישיבה, האבן די טעלזער ראשי הקהילה באשלאסן אויפנעמען די איידעם הגרי"ל צו דינען אלס רב פון שטאט און ראש ישיבה.

אין ז' חשון תר"צ איז הגרי"ל נסתלק געווארן לבית עולמו, און איז באערדיגט געווארן אויפן אידישן בית-עולם אין טעלז, ווען א ריזן ציבור באגלייט זיין מיטה.

### 'אמן' – א עדות אויף גוטע מידות

די חכמים זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך". אויף די גמרא וואונדערן זיך אסאך: ענטפערן אמן איז א הסכמה אויף א ברכה, פארוואס איז אויב אזוי איז עס גרעסער פון די ברכה?

ערקלערט הגרי"ל: פאר א מענטש איז שווער אפשאצן און איינערקענען די חשיבות פון א גוטע זאך פון א צווייטן. אויך א מענטש וואס טוט אליין אסאך גוט'ס, וועט אים נישט לייכט זיין אפשאצן ריכטיג די גוטע פעולות פון זיין פריינד. און ווייל די אינערליכע שטריכן פון א מענטש ווערן באמערקט אין זיינע הנהגות, דער וואס האלט זיך אפ פון ענטפערן אמן אויף א ברכה פון זיין חבר איז א צייכן אז עס איז אים שווער צו שאצן די מעשים פון זיין חבר, און פון דער צווייטער זייט, דער וואס ענטפערט אמן אויף זיין חבר'ס ברכה איז דאס א צייכן אז ער האט די גוטע מידה פון שעצן אנדערע. ווייל אויף צו ענטפערן אמן פעלט זיך אויס די באזונדערע נאטור און מעלה וואס פעלט נישט אויס אויף צו זאגן א ברכה, דעריבער זאגן חכמים אז גדול העונה אמן יותר מן המברך ('שיעורי דעת' מהדו"ח ח"ב עמ' ריב).